*ב"ה*

# לעבן מיט דער צייט

*געדאנקען אויף דער פרשה פון דער וואך*
*פאר קינדער און יוגנט*
*לויט די שיחות*
*פון ליובאוויטשער רבי'ן*

## חמשה עשר בשבט

טייערע קינדער שיחיו,

וועל איך אייך דערמאנען די גרויס ליבשאפט וואס דער רבי (דער פריערדיקער רבי) האט געהאט צו אלע קינדער ... און אין יעדער קינד האט ער געזעהן א יונגן בוים וואס וועט אויסוואקסן א פרוכטבארע בוים מיט גוטע פירות, אבער דאס איז אפהענגיק אין דעם ווילן און דער ארבעט פון דעם קינד.

דער משל פאר דעם איז א בוים. ווען מ'פלאנצט א קערנדל אדער א יונגן בוים, דארף מען עס היטן פון שלעכטע גראז ... און געבן גענוג וואסער, ביז עס וועט אויסוואקסן א בוים וואס גיט גוטע פרוכט. דאס זעלבע איז מיט א אידיש קינד, וואס אויף עם זאגט דער אויבערשטער "נצר מטעי ...". דער אויבערשטער האט געפלאנצט אין אייך א הייליגע נשמה, א חלק אלוקה ממעל ממש, און איר דארפט היטן דעם ג-טליכן קערנדל פון שלעכטע זאכן, דאס הייסט, פון שלעכטע חברים, און געבן גענוג וואסער, ואין מים אלא תורה, תורת חיים און מצוות וואס געבן חיים צו די וואס טוען זיי.

דעמאלסט וועט השי"ת געבן און ווידער געבן זיין ברכה אז איר זאלט מצליח זיין אויסצוּוואקסן בוימער וואס געבן גוטע און פיינע פירות, צו דער פרייד פון אייערע עלטערן און אייערע רביים און צו דער שטאלץ און שיינקייט פון אונזער פאלק, דאס אידישע פאלק.
(א בריף פון רבי'ן צו קינדער - לקו"ש ח"ו ע' 310)

[Back to "Leben Mit Der Tzeit"]

ב"ה

# לעבן מיט דער צייט

*געדאנקען אויף דער פרשה פון דער וואך*
*פאר קינדער און יוגנט*
*לויט די שיחות*
*פון ליובאוויטשער רבי'ן*

## פרשת בשלח

אין די פרשיות וועלכע מיר ליינען איצטער אין ספר שמות, זעהן מיר א גרויסער אונטערשייד צווישען די מנהג פון די מצריים און פון להבדיל די אידן.

ביי די מצריים זיינען געווען גרויסע חכמים. עס שטייט אין מלכים אז שלמה המלך'ס חכמה איז געווען גרעסער פון חכמת מצרים. האבן זיי דאך געהאט פיל חכמה. אבער ווער האט געהאט די חכמה? נאר די חרטומי מצרים און איצטגניני פרעה. זיי האבן זיך אפגעזונדערט פון פאלק און זיך פארנומען מיט חכמה. דער פאלק, אבער, האט ניט געלערנט און ניט פארשטאנען. זיי האבן ניט געהאט קיין שייכות צו חכמת מצרים.

דאקעגן, ביי אידן להבדיל, איז אונזער חכמה, די הייליגע תורה, פאר *אלעמען*. נאך יציאת מצרים זיינען די אידן געקומען צום בארג סיני מקבל זיין די תורה, און דעמאלסט זיינען זיי געווארן א פאלק, ווי עס שטייט "היום הזה נהיית לעם". *גלייך* ווי די אידן זיינען געווארן א פאלק האבן זיי אלע באקומען די תורה.

ווער איז געקומען צום בארג סיני? ניט נאר די חכמים און ניט נאר ראשיכם שבטיכם, נאר אלע אידן אנשים נשים וטף, מענער פרויען און קינדער. און ניט נאר די אידן פון דעם דור, נאר את אשר ישנו פה ואת אשר איננו פה, אלע נשמות פון אלע אידן אין אלע דורות.

סיי גרויסע און סיי קליינע באקומען די תורה. "משהתינוק מתחיל לדבר אביו מלמדו תורה צוה לנו משה מורשה קהלת יעקב". גלייך ווי דער קינד הויבט אן רעדן, נאך איידער ער קען פארשטיין, באקומט ער שוין די גאנצע תורה. מען לערנט מיט עם טאקע נאר וויפיל ער קען יעצט פארנעמען, אבער מען זאגט עם אז וויבאלד ער איז פון קהלת יעקב ירשנ'ט ער די גאנצע תורה.

(משיחת יו"ד שבט תשמ"ג)

[Back to "Leben Mit Der Tzeit"](#)

ב"ה

# לעבן מיט דער צייט

*געדאנקען אויף דער פרשה פון דער וואך*
*פאר קינדער און יוגנט*
*לויט די שיחות*
*פון ליובאוויטשער רבי'ן*

## יו"ד שבט

יו"ד שבט איז די הילולא-יארצייט פון דעם פריערדיקען רבי'ן. דארף מען זיך ארייַנטראכטן אין "מעשיו ותורתו ועבודתו" און ארויסנעמען אן אפלערנונג אין טאג-טעגליכן לעבן.

דער פריערדיקער רבי שרייבט אין דעם מאמר "באתי לגני" (וועלכע ער האט געשריבן צום טאג פון זיין באבע'ס יארצייט אין יו"ד שבט) וועגן די וויכטיקייט פון קיום תורה ומצוות בזריזות. ווייל "מי הוא היודע עתו וזמנו" (ווער קען דאס וויסן זיין צייט), ווי ער זאגט אין מדרש, "אין אדם שליט לומר המתינו לי עד שאעשה חשבונותי ועד שאצוה לביתי" (א מענטש קען ניט זאגן צו דעם מלאך המות: ווארט-צו ביז איך וועל מאכן מיינע חשבונות און אנזאגן מיין משפחה).

חז"ל זאגן "אין מחמיצין את המצוות". מען דארף טאן א מצוה גלייך, און ניט לאזן איר ווערן "חמץ'דיק" (חמץ ווערט ווען עס גייט דורך צייט). קען מען מיינען פון דעם אז דער ענין פון זריזות אין עבודת השם איז נאר א טייל פון טאן א מצוה. ניט נאר זאל מען מקיים זיין א מצוה, נאר מען זאל איר מקיים זיין וואס פריער (אזוי ווי א הידור מצוה).

ברייַנגט ארויס דער רבי אין מאמר אז זריזות איז נאך וויכטיגער פון דעם. עס איז נוגע צו די גאנצע מצוה. אויב מען לייגט אפ אויף שפעטער, קען זיין אז מען וועט אינגאנצן ניט קענען מקיים זיין די מצוה.

ברמז, שטייט עס אין דעם אויבנדערמאנטען מאמר חז"ל "אין מחמיצין את המצוות.. אם באת מצוה לידך עשה אותה מיד". בשעת מען לייגט אפ די מצוה, איז אנשטאט "ושמרתם את המצוות", ווערט עס "חמץ", דער היפך פון מצה.

יעדער זאך דארף געטאן ווערן אין איר ריכטיגע צייט. אויב מען לייגט אפ אויף שפעטער, קען זיין אז ער וועט מער ניט קענען מקיים זיין די מצוה.

מען דארף זיך איינגעוואוינען טאן יעדער גוטע זאך *גלייך* און ניט אפלייגן.

(לקו"ש חט"ז ע' 139)

[Back to "Leben Mit Der Tzeit"](http://www.torah4blind.org/children/)